# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................**7:42**
מוצאי שב"ק.....................**9:12**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך........................ יחזקאל טז-יז
בבלי...................... בבא בתרא מו
ירושלמי.................... ביצה יג
תוספתא.................... מעילה ג
רמב"ם.......... מעשה הקרבנות ב

פרשת דברים-חזון, ו מנחם אב, אבות פרק ג', שנת תשפ"ד לפ"ק
שנה 13, גליון 43 (661)


## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### וָאֹמַר אֲלֵכֶם לֹא תַעַרְצוּן וְלֹא תִירְאוּן מֵהֶם

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ע"ח): דֶער דִיבּוּר אִיז אַזוֹי וִוי אַ מַאמֶע, אַ מַאמֶע גֵייט מִיט מִיטְ'ן קִינְד אֲפִילוּ אִין שְׁמוּצִיגֶע פְּלֶעצֶער, אוּן וַואשְׁט אִים אוּן רֵיינִיגְט אִים אָפּ אוּן טוּט אִים אִיבֶּער, אֲפִילוּ עֶר הָאט אַ שְׁלֶעכְטְן גֶערוּךְ, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דֶער דִיבּוּר, גֵייט מִיט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁמוּצִיגֶע פְּלֶעצֶער, ווִיבַּאלְד עֶר רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער וֶועט דָאס אִים אָפְּהִיטְן.

אָבֶער צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אוּן דֶער עִיקָר 'גְלֵייבְּן אִין זִיךְ'. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ס"א): אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי דַארְף מֶען הָאבְּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ. אַז אִיךְ קֶען אוֹיךְ, אוּן אִיךְ וֶועל אוֹיךְ פּוֹעֶלְ'ן בַּיים בַּאשֶׁעפֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ס"ז) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט בַּיי זִיךְ צוּבְּרָאכְן אוּן רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דֶער חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. וַוייל דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז דֶער פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אִיז דֶער פְּלַאץ פוּן דַעַת אוּן שֵׂכֶל! אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת לג.): **כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ בּוֹ דֵּעָה כְּאִלּוּ נִבְנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בְּיָמָיו**. אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, אוּן עֶס וֶוערְט אַ חוּרְבָּן אִין דִי מוֹחִין [נֶערְוִון] פוּן אַ מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דָא הֵייסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט בַּיי זִיךְ זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶע נִסָּיוֹן.

הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק [בֶּענְדֶער] זַצַ"ל הָאט דֶערְצֵיילְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה: אִין אוּמַאן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, וָואס עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם בּוּטְשֶׁער אוּן צוּם בֶּעקֶערַיי אוּן צוּם גְרָאסֶערַי, אוּן אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט זֵיי, אַז אוֹיף זַיין חֶשְׁבּוֹן זָאלְן זֵיי אַרוֹיס גֶעבְּן יֶעדֶע וָואךְ פַאר אַלֶע אָרֶעמֶעלַייט וָואס וֶועלְן קוּמֶען מִיט אַ צֶעטְל פוּן אִים, אוּן עֶר הָאט דָאס בַּאצָאלְט, אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן וואוּ עֶר בַּאצָאלְט דָאס, וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אַ נָאמֶען פַאר אַ גַבַּאי צְדָקָה.

וַיְהִי הַיּוֹם, עֶס הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט דֶער רֶעדְל, עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ גֶעבְּן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וֶוען מֶען אִיז גֶעקוּמֶען אִין גְרָאסֶערִי אוּן אִין פִישׁ סְטָאר אוּן אִין בֶּעקֶערַיי, הָאט מֶען מֶער נִישְׁט אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן פַאר דִי אָרֶעמֶעלַייט. הָאט מֶען אִים בַּאפַאלְן, "דוּ גַנָּב! דִי גַזְלָן! דוּ קַארְגֶער!", הָאט עֶר זִיךְ גֶעבֶּעטְן: "וָואס זָאל אִיךְ טוּן? וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט הָאבּ אִיךְ דָאךְ גֶעגֶעבְּן, יֶעצְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט". אוּן פוּן שׁוּל צוּ שׁוּל הָאט מֶען אִים פַארְטְרִיבְּן, אִיז עֶר אַרַיין גֶעפַאלְן אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה רַחֲמָנָא לִצְלַן, אוּן גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, 'אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעהָאלְפְן אַלֶעמֶען, אוּן נִישְׁט גֶענוּג אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן, אִיז מֶען מִיךְ נָאךְ מְבַזֶּה מִיט דִי גְרֶעסְטֶע בִּזְיוֹנוֹת?!', אִיז עֶר אַזוֹי גֶעלִיגְן אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע אוּן עֶר אִיז נִישְׁט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ. מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעקְלַאפְּט אִין פֶענְסְטֶער אוּן גֶעשְׁרִיגְן, "דוּ גַנָּב! פַארְוָואס קוּמְסְטוּ נִישְׁט אַרוֹיס?!"

בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד צוּ אִים אוּן הָאט אִים גֶענוּמֶען אוֹיסְרֶעדְן: דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט דִיר אוֹיסְפְּרוּבִּירְט מִיט אַ גְרוֹיסֶע עֲשִׁירוּת, אוּן דוּ בִּיסְט בַּייגֶעשְׁטַאנֶען דֶעם 'נִסָּיוֹן הָעוֹשֶׁר' הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט, יֶעצְט פְּרוּבִּירְט דִיר דֶער בַּאשֶׁעפֶער אוֹיס מִיט אָרֶעמְקֵייט, צוּ זֶען וִוי אַזוֹי דוּ וֶועסְט זִיךְ יֶעצְט דֶערְהַאלְטְן, אוּן צוּ דַיין אָרֶעמְקֵייט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאךְ צוּגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיכֶעט אַז מֶען שְׁרֵייט דִיר נָאךְ, גַנָּב! גַזְלָן! אוּן מֶען שְׁפֶּעט פוּן דִיר, אוּן מֶען רֶעדְט אוֹיף דִיר כָּל דָבָר אָסוּר, פַּאסְט דָאס דֶען דִיר אַז יֶעצְט זָאלְסְטוּ נִישְׁט בַּיישְׁטֵיין דֶעם 'נִסָּיוֹן הָעוֹנִי'?! אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אִים צוּגֶערֶעדְט, אַז עֶר זָאל גֵיין אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן. הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ דָאךְ מוֹרָא אַז מֶען וֶועט אוֹיף מִיר אַרוֹיף טַאנְצְן, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: שְׁוַוייג! אוּן מַאכְט דִיךְ נִישְׁט צוּטוּן, וַוייל דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז דוּ הָאסְט יָא גֶעטוּן גוּט, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אִים אוֹיסְגֶערֶעדְט.

בִּיז עֶר הָאט אִים אַזוֹי מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן בַּיי זִיךְ אוֹיפְגֶעבּוֹיט. אוּן אִיז שׁוֹין גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶעשְׁוִויגְן אוֹיף אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ ווִיפִיל קֶען מֶען שׁוֹין מְבַזֶּה זַיין אַ אִיד, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ זֶענֶען אַלֶע מִיד גֶעוָוארְן אִים צוּ רוֹדְפְ'ן, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ זִיךְ, אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז עֶס הָאט זִיךְ צוּרִיקְגֶעדְרֵייט דֶער גַלְגַל, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן צוּרִיק אַן עוֹשֶׁר.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דֶער עִיקָר דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר שְׁטַארְק דֶערְהַאלְטְן, נִישְׁט קַיין חִילּוּק וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אִים, זָאל עֶר ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאכְאַלְץ מִיט אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים נָאכְאַלְץ לִיבּ אוּן הֶערְט אוֹיס זַיינֶע תְּפִלּוֹת, אוּן דַאן וֶועט עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגְן אַלֶעס גוּטְס אִין לֶעבְּן. (קוּנְטְרֵס רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שַׁבָּת חֲזוֹן - תִּשְׁעָה בְּאָב

דֶער שַׁבָּת פַאר תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "שַׁבָּת חֲזוֹן". אִין סֵפֶר 'שַׁעַר הַמֶּלֶךְ' וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז "חֲזוֹן" אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת חַ'צִי זַ'עַם וְ'חַצִי נֶ'חָמָה. דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶס טַאקֶע אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע צַייט, מֶען טְרוֹיעֶרְט אוֹיפְ'ן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אִיז אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אוֹיךְ דָא אַ נֶחָמָה, אַ טְרֵייסְט, אַז דִי טֶעג וֶועלְן נָאךְ וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ פְרֵיילִיכֶע טֶעג. וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בְּקָרוֹב, וֶועלְן דִי טֶעג וֶוערְן אַ יוֹם טוֹב.

חַזַ"ל דֶערְצֵיילְן (מַכּוֹת כ"ד) אַז וֶוען דִי חֲכָמִים הָאבְּן גֶעזֶען דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע חוּרְבָּן אוֹיפְ'ן הַר הַבַּיִת הָאבְּן זֵיי גֶעוֵויינְט אוּן גֶעקְלָאגְט. רֶבִּי עֲקִיבָא - וָואס אִיז אוֹיךְ דָארְט גֶעוֶוען - הָאט אָבֶער גֶעלַאכְט. הָאבְּן אִים דִי חֲכָמִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס לַאכְסְטוּ?", הָאט רֶבִּי עֲקִיבָא

<<<<<<

## א גוט ווארט

וִויסְן זָאלְסְטוּ, יֶעדֶער אֵיינֶער גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע יְסוּרִים, נִישְׁטָא קֵיינֶער וָואס זָאל נִישְׁט לַיידְן בְּזֶה הָעוֹלָם; מִיט וֶועם מֶען רֶעדְט, מִיט וֶועם מֶען שְׁמוּעֶסְט; אַלֶע שְׁרֵייעֶן, אַלֶע וֵויינֶען, אַלֶע קְרֶעכְצְן; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין עֵצָה וואוּ זִיךְ צוּ בַּאשִׁיצְן, נָאר אוּנְטֶער דִי פְלִיגְלֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים סא, ה): "אֶחֱסֶה בְסֵתֶר כְּנָפֶיךָ סֶּלָה", אִיךְ טוּ זִיךְ בַּאשִׁיצְן אוּנְטֶער דִי פְלִיגְלֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּאזוּכְן אִין תְּפִיסָה, אִיךְ גֵיי מִיט דִי אִינְגֶעלַייט אִין שְׁטֶעטְל וָואס גֵייעֶן כְּסֵדֶר אִין תְּפִיסוֹת מְחַיֶּה זַיין אַחֵינוּ כָּל בֵּית יִשְׂרָאֵל הַנְּתוּנִים בַּצָּרָה וּבַשִּׁבְיָה, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי אַ אִיד וָואס זִיצְט שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן אִין תְּפִיסָה, דֶער אִיד פַארְפֶעלְט נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג, דֶער אִיד לֶעבְּט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה וּבִטָּחוֹן, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּחִינָה פוּן בָּא לְלַמֵּד וְנִמְצָא לָמוּד, אִיךְ בִּין יֶענֶעם גֶעגַאנְגֶען מְחַזֵּק זַיין אוּן אִיךְ בִּין אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַזוֹי צֶעטְרֵייסְלְט פוּן דִי שְׁטַארְקְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וִוי שְׁטַארְק דִי אֱמוּנָה אִיז, אוּן נָאר מִיט אֱמוּנָה קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת דְּבָרִים תשפ"ד)

# בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## שַׁבָּת חֲזוֹן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

עש"ק פַּרְשַׁת דְּבָרִים-חֲזוֹן, ח' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ח

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שַׁבָּת - שַׁבָּת חֲזוֹן; דֶער הֵיילִיגֶער קְדֻשַּׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס הָאט הֵיילִיגֶע אוֹיגְן קֶען זֶען שַׁבָּת חֲזוֹן ווִי דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הַשְּׁלִישִׁי בּוֹיעֶט זִיךְ אוֹיף"; דַארְפְן מִיר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן מִיר זָאלְן הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן.

מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי מָרְדְּכַי מִלֶּעכָאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, דַארְף עֶר זִיךְ הִיטְן זַיינֶע אוֹיגְן; מִיט דֶעם טַייטְשְׁט עֶר דֶעם פָּסוּק (צְפַנְיָה ג, כ): "בְּשׁוּבִי אֶת שְׁבוּתֵיכֶם - לְעֵינֵיכֶם", וֶוען אִיר טוּט תְּשׁוּבָה - זָאלְט אִיר אָנְהֵייבְּן מִיט דִי אוֹיגְן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מה.): "אֵין יֵצֶר הָרַע שׁוֹלֵט אֶלָּא בְּמַה שֶּׁעֵינָיו רוֹאוֹת", דֶער יֵצֶר הָרַע הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּיי דִי אוֹיגְן, אָבֶער אַז מֶען הִיט דִי אוֹיגְן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ רֵיינֶע מֹחַ אוּן צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

הַיינְט הָאבְּן מִיר מְסַיֵּם גֶעוֶוען גַאנְץ נְבִיאִים וּכְתוּבִים אוּן מָארְגְן - שַׁבָּת קוֹדֶשׁ - הֵייבְּן מִיר אָן נָאכְאַמָאל נַ"ךְ; אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג צְוֵויי קַאפִּיטְלֶעך אִיז מֶען מְסַיֵּם יֶעדֶעס יָאר גַאנְץ נַ"ךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "נַ"ךְ אִיז מַיין מוּסָר סֵפֶר"; וַוייל וֶוען מֶען לֶערְנְט נַ"ךְ זֶעט מֶען וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי תּוֹרָה. יֶעדֶע מָאל וָואס דִי אִידְן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה הָאבְּן זֵיי מַצְלִיחַ גֶעוֶוען; קֵיינֶער פוּן דִי פֶעלְקֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן מֶען הָאט בַּאזִיגְט אַלֶע מִלְחָמוֹת, אָבֶער וֶוען מֶען אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן דִי תּוֹרָה אִיז מֶען גְלַייךְ אוּנְטֶערְטֶעניִגְט גֶעוָוארְן אוּנְטֶער דִי פֶעלְקֶער, אוּן מֶען הָאט פַארְלוֹירְן דִי מִלְחָמוֹת וְכוּ' וְכוּ', בִּיז מֶען הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן.

אַזוֹי אוֹיךְ זֶעט מֶען וֶוען מֶען לֶערְנְט נַ"ךְ, אַז וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעהַאט אַ צַדִּיק זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען עֶרְלִיךְ, אוּן וֶוען דֶער צַדִּיק אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעפַאלְן, בִּיז זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען נָאךְ אַ צַדִּיק וָואס זָאל זֵיי וַוייזְן דִי וֶועג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ לֶערְנְט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן נַ"ךְ, אַז וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען שְׁלֶעכְט פַאר דִי אִידְן, אַ רָשָׁע אִיז גֶעקוּמֶען אוּן גֶעוָואלְט שְׁלֶעכְטְס טוּן, הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן. נָאכְדֶעם הָאבְּן זֵיי וַוייטֶער פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְאַמָאל גֶעשִׁיקְט אַ רָשָׁע זָאל קוּמֶען מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט זֵיי, אוּן וֶוען זֵיי הָאבְּן ווִידֶער אַיינְגֶעזֶען אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט קֵיין עֵצָה גֶעבְּן הָאבְּן זֵיי נָאכְאַמָאל תְּשׁוּבָה גֶעטוּן; פוּן דֶעם קֶען זִיךְ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ לֶערְנֶען וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן וֶוען עֶר הָאט חַס וְשָׁלוֹם אַ צָרָה.

עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט דֶעם גַאנְצְן סִפּוּר ווִי אַזוֹי דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן. עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין אַן עֶרֶב שַׁבָּת, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת. אַפָּאר שָׁעָה פַאר זַיין הִסְתַּלְּקוּת הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן ר' נַחְמָן - ר' עוֹזֵר'ס זוּן - עֶר זָאל אִים בְּרֶענְגֶען 'כָּל טוּב', אוּן ר' נַחְמָן הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס ר' נָתָן מֵיינְט, וָואס אִיז דָאס 'כָּל טוּב'? הָאט אִים ר' נָתָן גֶעזָאגְט עֶר זָאל אִים בְּרֶענְגֶען אַ נַ"ךְ - דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיי ר' נָתָן 'כָּל טוּב'; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶערוּפְן 'כָּל טוּב'. וַוייל אַז מֶען מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין נַ"ךְ - יֶעדְן טָאג אַ קַאפִּיטְל אָדֶער צְוֵויי, הָאט מֶען אַלֶעס גוּטְס. מֶען זֶעט וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה, אַז עֶס אִיז דָא אֵיין אַדְרֶעס וואוּ זִיךְ צוּ וֶוענְדְן: נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר פִירְן זִיךְ צוּ לֵיינֶען מְגִלַּת אֵיכָה בַּיינַאכְט אוּן אוֹיךְ אִינְדֶערְפְרִי. תִּשְׁעָה בְּאָב בַּיינַאכְט גֵייעֶן מִיר לֵיינֶען מְגִלַּת אֵיכָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן סז) אַז וֶוען מֶען קְלָאגְט אוֹיפְן חֻרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וֵויינְט מֶען נִישְׁט אַז אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ חֻרְבָּן, נָאר מֶען וֵויינְט אוֹיפְן הַיינְטִיגְן חֻרְבָּן, אַז מִיר זֶענֶען חָרוּב וְנֶחְרַב, מִיר זֶענֶען וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיר זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק אַרַיין גֶעטוּן אִין אוּנְזֶערֶע תַּאֲווֹת רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

<<<<<<

>>>>>>

גֶעזָאגְט: "אַזוֹי ווִי אִיךְ זֶע אַז דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן דִי נְבוּאָה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק מְקוּיָּם גֶעוָוארְן, אַז דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, גְלֵייבּ אִיךְ אַז דִי צְוֵייטֶע הֶעלְפְט נְבוּאָה וֶועט אוֹיךְ מְקוּיָּם וֶוערְן, אַז מִיר וֶועלְן נָאךְ אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן גָלוּת, אוּן דִי אִידְן וֶועלְן נָאךְ אוֹיפְגֶעבְרָאכְטְן וֶוערְן".

דִי צַדִּיקִים קוּקְן אוֹיף דִי פְּנִימִיּוּת פוּן יֶעדֶע זַאךְ, אֲפִילוּ יֶעצְט זֶעט אַלֶעס אוֹיס אַזוֹי שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער, וֶועלְן דִי טֶעג אָבֶּער צוּם סוֹף אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן צוּ יָמִים טוֹבִים, אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן.

דֶערְפַאר וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תקנ"ב) אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט קַיין תַּחֲנוּן תִּשְׁעָה בְּאָב וַוייל תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "מוֹעֵד" - אַ יוֹם טוֹב. שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְרַאגֶע, אִיז עֶס דֶען אַ יוֹם טוֹב? פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, מֶען טְרוֹיעֶרְט דָאךְ אִין תִּשְׁעָה בְּאָב, מֶען טוּט אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן אֲבֵילוּת אִין תִּשְׁעָה בְּאָב, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען עֶס אָנְרוּפְן אַ יוֹם טוֹב?

נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז בִּפְנִימִיּוּת זֶענֶען דִי טֶעג פְרֵיילִיכֶע טֶעג, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה מִיט אַ נִיגוּן פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אַזוֹי ווִי מֶען לֵיינְט פּוּרִים דִי מְגִילַת אֶסְתֵּר פְרֵיילִיכֶערְהֵייט. אוּן אֲפִילוּ יֶעצְט זֶענֶען מִיר נָאךְ אִין גָלוּת, אוּן מֶען דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן זִיךְ פִירְן מִיט אֲבֵילוּת, טָאר מֶען אָבֶּער נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּן דִי גְאוּלָּה הָעֲתִידָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז נָאךְ אוֹיסְלֵייזְן בְּקָרוֹב.

בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְט מֶען זִיךְ צוּ לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה אוֹיךְ בַּייטָאג. וַוייל וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען דָאךְ לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה מִיט אַ פְרֵיילִיכְן נִיגוּן מִיט אַ "שֶׁהֶחֱיָנוּ" אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אִין אַזַא שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע גָלוּת, אוּן מֶען וֶועט עֶס אַוַדְאַי לֵיינֶען סֵיי בַּיינַאכְט אוּן סֵיי בַּייטָאג אַזוֹי ווִי דִי מְגִילַת אֶסְתֵּר, דֶערְפַאר לֵיינְט מֶען עֶס אוֹיךְ הַיינְט סֵיי בַּיינַאכְט אוּן סֵיי בַּייטָאג.

עֶס גֵייט אַזוֹי וַוייט אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִּיקִים אוּן יְחִידֵי סְגוּלָּה וָואס אִין מוֹצָאֵי שַׁבָּת חֲזוֹן הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעזָאגְט "וְאַתָּה קָדוֹשׁ", אַזוֹי ווִי מֶען פִירְט זִיךְ אַז וֶוען עֶס גֶעפַאלְט אַ יוֹם טוֹב אִינְמִיטְן דִי וָואךְ זָאגְט מֶען נִישְׁט "וְאַתָּה קָדוֹשׁ". וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז זִיכֶער אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט דָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב זַיין אַ יוֹם טוֹב. אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען תִּשְׁעָה בְּאָב בַּיינַאכְט אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז מֶען אִיז לֵיידֶער נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן, הָאבְּן זֵיי דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט "וְאַתָּה קָדוֹשׁ", צוּ מַשְׁלִים זַיין דָאס וָואס מֶען הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

### דִי אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן

וֶוען מֶען זָאגְט מְגִילַת אֵיכָה דַארְף מֶען אוֹיסְטַייטְשְׁן דִי פְּסוּקִים אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק"א) אַז וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים, תְּחִינוֹת, אָדֶער תִּיקּוּן חֲצוֹת זָאל מֶען אוֹיסְטַייטְשְׁן אַלֶע פְּסוּקִים אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, דִי אַלֶע מִלְחָמוֹת וָואס שְׁטֵייט אִין תְּהִלִּים, דִי אַלֶע שׂוֹנְאִים וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ רֶעדְט זִיךְ אָפּ וֶועגְן זֵיי אִין תְּהִלִּים, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע מִלְחָמוֹת וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט מִיט זַיין יֵצֶר הָרַע, וָואס עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער פַּיינְט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, עֶר ווִיל נָאר הַרְגֶ'עֶנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן אוֹיף דֶעם בֶּעט מֶען אִין תְּהִלִּים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז רַאטֶעוֶוען פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט מְגִילַת אֵיכָה. מֶען דַארְף בְּעִיקָּר טְרוֹיעֶרְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן אַז מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וָואס דוּרְךְ דֶעם הַאלְט מֶען צוּרִיק דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ פוּן וֶוערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט, יֶעדֶער אִיד דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז פוּן זַיין זַייט זָאל עֶר נִישְׁט שְׁטֶערְן דָאס אוֹיפְבּוֹי פוּנֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אַז זַיינֶע מַעֲשִׂים זָאלְן נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן דִי גְאוּלָה אוּן דֶעם בִּנְיָן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה.

### קִידּוּשׁ לְבָנָה

מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב פִירְט מֶען זִיךְ אַז מֶען אִיז מְקַדֵּשׁ דִי לְבָנָה. דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶעם (פְּרִי עֵץ חַיִּים, אַחַר סוֹד כַּוָּנַת ת"ב) אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ מְקַדֵּשׁ זַיין דִי לְבָנָה מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב.

דֶער עִנְיָן דֶערְפוּן אִיז, אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט בַּיי דִי לְבָנָה אַז דַוְקָא וֶוען זִי וֶוערְט שׁוֹין זֵייעֶר קְלֵיין בִּיז מֶען זֶעט עֶס שׁוֹין אִינְגַאנְצְן נִישְׁט, דַוְקָא דֶעמָאלְט טוּט זִי זִיךְ בַּאנֵייעֶן, אוּן הֵייבְּט אָן צוּ וֶוערְן צוּרִיק גְרֶעסֶער.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ יֶעצְט, דַוְקָא נָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוען מֶען הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעטְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן חוּרְבָּן, דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְצוּהֵייבְּן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ. אוּן דֶערְפַאר אִיז מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב דִי פַּאסִיגְסְטֶע צַייט צוּ מְחַדֵּשׁ זַיין דִי לְבָנָה.

אִין דִי פּוֹסְקִים וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט, אַז פַאר מֶען אִיז מְחַדֵּשׁ דִי לְבָנָה זָאל מֶען קוֹדֶם אוֹיסְפַאסְטְן, עֶסְן עֶפֶּעס, אוּן אָנְטוּן צוּרִיק דִי שִׁיךְ, אוּן וֶוער עֶס קֶען גֵייט אוֹיךְ אִין מִקְוֶה, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז מֶען מְחַדֵּשׁ דִי לְבָנָה פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת, וָואס דֶעמָאלְט וֶועט זַיין וְהָיָה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה, דִי לְבָנָה וֶועט שַׁיינֶען אַזוֹי ווִי דִי זוּן, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק א' וְחֵלֶק י' עֶרֶךְ תִּשְׁעָה בְּאָב, וְחֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ בֵּין הַמְּצָרִים)

>>>>>>

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר ר׳ נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסח): "וֶוען דוּ זָאגְסְט תִּיקוּן חֲצוֹת זָאלְסְטוּ זִיךְ אִינְזִינֶען הָאבְּן; "אֵיכָה נֶחְרַב הָאוּלָם", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן חָרוּב וְנֶחְרַב, "עַד אָן יִצְעַק בַּשְּׁבִי", וִוי לַאנְג נָאךְ וֶועל זַיין אִין גֶעפֶּענְגֶענִישׁ בַּיים יֵצֶר הָרַע וְכוּ׳?!"

מִיר קְלָאגְן אוֹיף אוּנְזֶער חֻרְבָּן אַז מִיר זֶענֶען אַזוֹי פַארְזִינְקֶען אִין אוּנְזֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים; מִיר וֵויינֶען בִּשְׁעַת׳ן זָאגְן דִי קִינוֹת אוֹיף אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן וָואס מִיר הִיטְן נִישְׁט (אֵיכָה א, טז): "עַל אֵלֶּה אֲנִי בוֹכִיָּה", אוֹיף דֶעם וֵויין אִיךְ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, "עֵינִי עֵינִי יֹרְדָה מַּיִם", אוֹיף מַיינֶע אוֹיגְן וָואס אִיךְ הִיט נִישְׁט; אִיךְ קוּק עֲבֵירוֹת, וָואס דָאס אִיז גוֹרֵם: "כִּי רָחַק מִמֶּנִּי מְנַחֵם מֵשִׁיב נַפְשִׁי", אַז אִיךְ זָאל זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּנֶעם צַדִּיק וָואס עֶר אִיז "מֵשִׁיב נַפְשִׁי", אוּן אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית. "הָיוּ בָנַי שׁוֹמֵמִים", אִיךְ זִינְדִיג, "כִּי גָבַר אוֹיֵב", וַוייל דֶער יֵצֶר הָרַע שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף מִיר; אַלֶעס צוּלִיב עֵינִי עֵינִי, אַז מַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען נִישְׁט רֵיין.

אוֹיף דֶעם דַארְפְן מִיר גִיסְן טַייכְן טְרֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מִיר זָאלְן הִיטְן אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן, וַוייל אַלֶע צָרוֹת וָואס קוּמֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אִיז נָאר וַוייל מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען דֶער חַזָּן אִישׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן אוּן עֶר פְלֶעגְט גֵיין אִין שׁוּל פְלֶעגְט עֶר זָאגְן בְּדֶרֶךְ צַחוֹת: "לָאמִיר שְׁפִּילְן "בְּלִינְדֶע קַאטְשְׁקֶע"; בִּינְד מִיר אַרוּם מַיינֶע אוֹיגְן אוּן פִירְט מִיר צוּם שׁוּל"; מֶען הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פַארְוָואס עֶר מַאכְט דָאס, זַיינֶע אַרוּמִיגֶע הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז עֶר וִויל זִיךְ אוּנְטֶער הַאלְטְן, אָבֶּער זַיין כַּוָּנָה אִיז גֶעוֶוען נָאר זִיךְ צוּ הִיטְן זַיינֶע אוֹיגְן. יֶעדֶע מָאל הָאט עֶר גֶעהַאט אַן אַנְדֶערֶע וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ הִיטְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה כ:): "אָמְרוּ עָלָיו עַל מַלְאַךְ הַמָּוֶת, שֶׁכֻּלּוֹ מָלֵא עֵינַיִם", דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אוֹיגְן, וֶוען עֶר קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן אַזוֹי נֶעמְט עֶר אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דֶער וֶועלְט; וָואס זֶענֶען דִי אַלֶע אוֹיגְן וָואס דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת הָאט אוֹיף זִיךְ? בְּרֶענְגְט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּשֵׁם זַיין רֶבִּי׳ן, דֶער גָּאוֹן וְקָדוֹשׁ ר׳ נָתָן אַדְלֶער זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה (חֲתַם סוֹפֵר בְּרֵאשִׁית, הַקְדָּמָה) אַז דָאס זֶענֶען אַלֶע הִסְתַּכְּלוּת אֲסוּרוֹת, אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע קוּקְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעקוּקְט, דִי אַלֶע אוֹיגְן נֶעמְט דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת אוּן עֶר קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ אוּן עֶר הַרְגֶ׳עט אִים, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא זַאךְ וָואס זָאל הַרְגֶ׳ענֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וִוי נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט עֶר וָואס מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס: "וְישֵׁזְבִינָנָא מֵעֵינָא בִישָׁא וּמֵחַרְבָּא דְמַלְאַךְ הַמָּוֶת וּמִדִּינָהּ שֶׁל גֵּיהִנֹּם", אַז מִיר וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן קֵיין עֵינָא בִּישָׁא, מִיר וֶועלְן הִיטְן דִי אוֹיגְן וֶועלְן מִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם שְׁוֶוערְד פוּנֶעם מַלְאַךְ הַמָּוֶת אוּן מִיר וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן אָנְקוּמֶען אִין גֵיהִנּוֹם; זֶעט מֶען אַז אַלֶעס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט דִי אוֹיגְן.

בְּנוֹגֵעַ לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן תִּשְׁעָה בְּאָב; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זִיךְ גֶעפִירְט נָאכְמִיטָאג נָאךְ מִנְחָה צוּ לֶערְנֶען דִי שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל זָאגְן פַאר דִי בַּחוּרִים אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען פוּן נָאךְ מִנְחָה אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין אַרוֹיס גֵיין פוּן אוּנְזֶער גָּלוּת בִּכְלָלִיּוּת אוּן בִּפְרָטִיּוּת - יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן זַיין פְּרִיוַואטֶע גָּלוּת, מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצֶע טָאג, דֶעמָאלְט וֶועט זַיין כְּאִילוּ נִבְנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לג.): "כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ בּוֹ דֵּעָה כְּאִילוּ נִבְנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בְּיָמָיו".

**אַ גוּט שַׁבָּת.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת דְּבָרִים תשע"ח)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## מַיין וַוייבּ לַיידְט שְׁרֶעקְלִיכֶע יְסוּרִים, וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שׁוֹין אַ יָאר צַייט וָואס מַיין וַוייבּ לַיידְט אוֹיף אַרְטְרֵייטִיס [דַּלֶּקֶת מִפְרָקִים], זִי אִיז מַמָּשׁ גֶעפֵּיינִיגְט מִיט שְׁטַארְקֶע יְסוּרִים. אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ צוּ זַיין סֵיי אַ טַאטֶע אוּן סֵיי אַ מַאמֶע פַאר מַיינֶע זִיסֶע קִינְדֶער קַיין עַיִן הָרָע, אָבֶּער מִיר שְׁפִּירְן אַז עֶס גֵייט שׁוֹין אַרִיבֶּער אַלֶע גְרֶענִיצְן.

אִיךְ מִיט מַיין וַוייבּ הַאלְטְן אִין אֵיין שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר וִוי מִיר טַאפְּן אַ וַואנְט, אִיךְ זֶע נִישְׁט דֶעם וֶועג אַרוֹיס, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ פַאל שׁוֹין אַרַיין אִין יֵאוּשׁ, אִיךְ דַארְף חִיזּוּק זִיךְ צוּ קֶענֶען וַוייטֶער דֶערְהַאלְטְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, אָן דֶעם וָואלְט אִיךְ זִיכֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְגֵיין בִּיז יֶעצְט.

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס פוֹעֶלְ׳ן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:): "אִם רוֹאֶה אָדָם שֶׁהִתְפַּלֵּל וְלֹא נֶעֱנֶה, יַחְזוֹר וְיִתְפַּלֵּל", וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ זַאךְ אוּן מֶען זֶעט אַז מֶען וֶוערְט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן - זָאל מֶען נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים כז, יד): "קַוֵּה אֶל ה׳, חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל ה׳"; מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען זֶעט נָאךְ נִישְׁט דִי יְשׁוּעָה, מֶען דַארְף וַוארְטְן אוּן וַוייטֶער בֶּעטְן בִּיז מֶען וֶוערְט גֶעהָאלְפְן.

וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ סַבְלָנוּת וֶוען מֶען זֶעט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ לַאנְגֶע צַייט אוּן מֶען זֶעט נָאךְ נִישְׁט דִי יְשׁוּעָה. מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת נִישְׁט אוֹיפְצוּהֶערְן בֶּעטְן; וַוייל יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען וִויל פוֹעֶלְ׳ן הָאט אַ סְכוּם וִויפִיל תְּפִלָּה עֶס פָאדֶערְט זִיךְ אוֹיף דֶעם.

מִיר גֶעפִינֶען בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וִויל אַרַיינְגֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (דְּבָרִים רַבָּה יא, י): "מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן פִינְף הוּנְדֶערְט אוּן פוּפְצְן תְּפִילוֹת, אַזוֹיפִיל וִויפִיל דָאס וָוארְט ׳וָאֶתְחַנַּן׳ בַּאטְרֶעפְט, וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואלְט גֶעבֶּעטְן נָאךְ אֵיין תְּפִלָּה וָואלְט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרַיין צוּ גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט (דְּבָרִים ג, כו): ׳רַב לָךְ, אַל תּוֹסֶף דַּבֵּר אֵלַי עוֹד בַּדָּבָר הַזֶּה׳, בֶּעט נִישְׁט מֶער אוֹיף דֶעם"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען טָאר נִישְׁט אָפְּלָאזְן תְּפִלָּה, מֶען דַארְף בֶּעטְן אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל אָן אַן אוֹיפְהֶער, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט.

נֶעמְט אַרַיין אִין אַייךְ דִי אֱמוּנָה, חַזֵּר פַאר זִיךְ אוּן חַזֵּר מִיט דַיין וַוייבּ: "וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט, אַלֶעס אִיז נָאר פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. אוּן וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס גוּטְס, מֶען זֶעט נִישְׁט דָאס גוּטְס, מֶען זֶעט נָאר דָאס שְׁלֶעכְטְס - אִיז דָאס נָאר אַזוֹי פַאר אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס גוּט"; אַיי וֶועסְטוּ פְרֶעגְן, אוֹיבּ אִיז דָאס גוּט פַארְוָואס זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מַאכְן אַנְדֶערְשׁ? וִוי אַזוֹי קֶען מֶען בֶּעטְן עֶר זָאל טוֹישְׁן וָואס עֶר טוּט - וֶוען אַלֶעס אִיז גוּט?! וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט אוּנְז מִיר זָאלְן אִים בֶּעטְן, מִיר זָאלְן אִים מוּטְשֶׁען עֶר זָאל מַאכְן אַזַא סָארְט גוּט וָואס מִיר זֶעעֶן דָאס גוּטְס מִיט אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן, אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט וָואס מִיר וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן עֶר זָאל מַאכְן גוּט, גְלֵייבְּן מִיר אַז עֶס אִיז גוּט; וַוייל אַלֶעס אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז אִיז נָאר לְטוֹבָה.

שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ, בְּלָאז אַרַיין אִין אִיר אֱמוּנָה; דָאס וֶועט אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן וֶוען זִי וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועלְן דִי שְׁלֶעכְטֶע קְרֶענְק אַוֶועק גֵיין פוּן אִיר, וַוייל שִׂמְחָה אִיז דִי רְפוּאָה פַאר אַלֶע מַחְלוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן כד): "כָּל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם - כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אַלֶע מַחְלוֹת אוּן אַלֶע קְרֶענְק קוּמֶען וַוייל מֶען אִיז דֶעפְּרֶעסְט אוּן נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, "גַּם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים אָמְרוּ, שֶׁכָּל הַמַּחֲלוֹת וְהַחֳלָאִים רָעִים בָּאִים רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן הַשִּׂמְחָה", אֲפִילוּ דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן אַז אַלֶע מַחְלוֹת קוּמֶען פוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע אוּן פוּן זַיין נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

דוּ מַאךְ אִיר פְרֵיילִיךְ, עֶס אִיז אַ מִצְוָה פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן דִי וַוייבּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין לד:): "אִשָּׁה - בַּעֲלָהּ מְשַׂמְּחָהּ", דֶער מַאן הָאט אַ מִצְוָה פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן זַיין וַוייבּ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זִי זָאל הָאבְּן אַ שְׁנֶעלֶע רְפוּאָה,**
**זִי זָאל זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְהֵיילְן.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת עֵקֶב תש"פ)

BreslevCenter.com\answers

## צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ

בְּנוֹגֵעַ צִי מֶען קֶען זָאגְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּם תִּשְׁעָה בְּאָב; תִּשְׁעָה בְּאָב טָאר מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, אַזוֹי וֶוערְט גֶע'פַּסְקֶ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן תקנד, סָעִיף א) וַוייל תּוֹרָה מַאכְט פְרֵיילִיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן תִּשְׁעָה בְּאָב אִיז אַ טָאג וָואס מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, אָבֶּער דִי פּוֹסְקִים זָאגְן (עַיֵין נִטְעֵי גַבְרִיאֵל סִימָן עה, סָעִיף קָטָן יט) אַז נָאכְמִיטָאג קֶען מֶען לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; דֶער וָואס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג זַיינֶע שִׁיעוּרִים קְבוּעִים, מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא וְכוּ' וְכוּ', מֶעג עֶס לֶערְנֶען תִּשְׁעָה בְּאָב נָאכְמִיטָאג. אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת תִּשְׁעָה בְּאָב, אִיז כְּדַאי צוּ דֶערְמַאנֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בְּנֵי יִשָּׂשכָר זָאגְט (חוֹדֶשׁ תַּמוּז אָב - מַאֲמָרֵי חָדְשֵׁי תַּמוּז אָב, מַאֲמָר ב): "סַךְ כָּל הַשָּׁעוֹת מִן הכ"ב יָמִים הֵם תקכ"ח", דִי שָׁעוֹת פוּן דִי דְרֵיי וָואכְן אִיז סַךְ הַכֹּל פִינְף הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג, "עַל כֵּן יֵשׁ בַּמִשְׁנָיוֹת תקכ"ח פְּרָקִים מִנְיַן מַפְתֵּ"חַ", דֶערְפַאר אִיז דָא אִין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה פִינְף הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג פְּרָקִים, "כְּמִנְיַן מַפְתֵּחַ הַגְאֻלָּה", וַוייל דָאס אִיז דֶער שְׁלִיסְל מִיר זָאלְן דוּרְכְדֶעם אַרוֹיס גֵיין פוּן גָלוּת, וָואס דָאס אִיז אַנְטְקֶעגְן דִי פִינְף הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה פוּן דִי דְרֵיי וָואכְן וָואס מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ז, ג): "אֵין הַגָּלֻיּוֹת מִתְכַּנְסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת הַמִשְׁנָיוֹת", מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען נָאר אִינֶעם זְכוּת פוּן דִי וָואס לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, "וּכְשֶׁמְּדַבְּרִין וְשׁוֹנִין בְּמוֹ פִּינוּ הַתּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, אֲזַי נִפְתַּח הַסָּתוּם", וֶוען מֶען חַזְרֶ'ט מִשְׁנַיוֹת וֶועט גֶעעֶפְנְט וֶוערְן דִי פַארְמַאכְטְקֵייט פוּן אוּנְזֶער גָלוּת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (הוֹשֵׁעַ ח, י): "'גַּם כִּי יִתְנוּ בַגּוֹיִם עַתָּה אֲקַבְּצֵם', לָשׁוֹן מַתְנִיתִין", יִתְנוּ אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן מִשְׁנַיוֹת, אַז מֶען וֶועט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אִין גָלוּת, "עַתָּה אֲקַבְּצֵם", וֶועט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיסְלֵייזְן; זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, בִּפְרַט יֶעצְט אִין דִי טֶעג וָואס מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּן דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת דְבָרִים תשע"ח)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

### ערליכע מסיבה פאר'ן בית התבשיל פארגעקומען

אין שטעטל זענען אלע פארנומען מיט טון חסד איינער מיט'ן צווייטן, דער ראש ישיבה איז כסדר מעורר אז דער רבי האט געזאגט אז ברסלב איז אותיות "לב בשר", א איד דארף האבן א הארץ פאר א צווייטן.
נעכטן איז פארגעקומען א גרויסער ערליכער אווענט פאר די חשובע בארימטע "בית התבשיל" ארגאניזאציע, וואס איז באקאנט מיט אירע פילע חסד פראיעקטן וואס זי פירט, זיי טיילן שבת פעקלעך פאר נויטבאדערפטיגע, פאר יום טוב און אויך אינמיטן יאר קומען פאר גרויסע חלוקות, בפרט פאר פסח, אויך טיילט מען געלט פאר שבת און יום טוב אז אידן זאלן קענען איינקויפן צו עסן, דאס איז אויסער די פילע אנדערע באקאנטע און באהאלטענע חסד אקטיוויטעטן.
פילע אנשי שלומינו זענען געקומען צו פארן פון די נאנט און ווייט, עס איז געווען צוגעגרייט א געשמאקע סעודה מכל טוב, און אנשי שלומינו האבן זיך זייער ווארים אנגערופן פאר דעם וויכטיגן צוועק, דער בית התבשיל האט צוגעשטעלט שיינע מתנות און גורלות פאר אלע וואס האבן זיך שיין משתתף געווען, צווישן זיי האט מען באקומען א שיינע האלטער מיט וויין פונעם כוס של אליהו הנביא פונעם סדר פונעם ראש ישיבה שליט"א. די מסיבה איז ב"ה געקרוינט געווארן מיט גרויס סוקסעס. דער אויבערשטער וועט זיכער באצאלן פאר אלע משתתפים מיט אלעם גוטן.

***

### נייע מיידל שולע בית פיגא ברסלב ווערט געגרינדעט אין עיר התורה בני ברק

א גרויסע שמחה הערשט אין בני ברק, ווען נאך אסאך תפלות איז געגרינדעט געווארן א פרישע אפטיילונג פון די מוסדות אין ארץ ישראל.
די הייליגע מוסדות היכל הקודש אין ארץ ישראל פארמאגט שוין פילע אפטיילונגען, חדרים, מיידל שולעס, און א ישיבה, וואס ווערט אנגעפירט דורכן מנהל המוסדות אין ארץ הקודש הרב יצחק פאפענהיים שליט"א פון ירושלים וואס פירט אלע מוסדות מיט גרויס סייעתא דשמיא, אלעס לויט די פונקטליכע הוראות פון ראש ישיבה שליט"א. די ציל פון די הייליגע מוסדות איז צו קענען געבן פאר די קינדער א חינוך על דרך התורה והמסורה, זיי זאלן אויפוואקסן פון די פריעסטע יוגענט צו לעבן מיט'ן באשעפער, און זיי זאלן זיין גרייט ברוחניות ובגשמיות פאר'ן לעבן. די געטרייע מלמדים זענען הר"ר ר' אבא חייא רייזמאן שליט"א און הר"ר ישראל סופר שליט"א. דער מנהל המוסדות פון הר"ר יצחק שליט"א ירושלים, קומט כסדר אריבער קיין בני ברק באזוכן, און שטייט צו די האנט מיט אלעם וואס פעלט זיך אויס.
יעצט איז געקומען די געלעגנהייט אויפצושטעלן א מיידל שולע אין בני ברק. די חדר אין שטאט האט זיך שוין געעפנט מיט א יאר צוריק, און עס גייט אן מיט גרויס הצלחה, די אינגלעך זענען ברוך השם שיין מצליח, און די עלטערן האבן געבעטן דעם ראש ישיבה שליט"א אז זיי ווילן אויך געבן פאר די מיידלעך די ערליכע ריינע חינוך, זיי זאלן אויפוואקסן ערליכע אידישע מאמעס וואס האבן איין ציל צו מאכן א נחת רוח פאר'ן אויבערשטן, און וויסן די חשיבות פון די פשוטע טעגליכע אויפגאבעס פון א אידישע פרוי, פון זיך אפגעבן מיט די מאן און קינדער.
נאך אסאך תפילות האט מען אויפגענומען מרת לעווי תחי' א חשובע ערפאלגרייכע מחנכת אין א היימישע מוסד שוין לאנגע יארן, וואס זי וועט בעז"ה אנפירן די מיידל שולע, און די זעלבע מיט די לערערינס האט מען אויפגענומען אזעלעכע וואס קומען שוין מיט לאנגע יארן ערפארונג פון מחנך זיין אין ערליכע היימישע מוסדות, וואס מיט זייער גרויס געטריישאפט און איבערגעגעבנשאפט האבן זיי באשלאסן אפצולאזן זייער גוט באצאלטע פאזיציעס וואס זיי האלטן שוין אן פאר לאנגע יארן, און אנטקעגן קומען דעם ראש ישיבה שליט"א אים צו העלפן גרינדן א מיידל שולע פאר אונזערע טייערע קינדער.
די וועלן בעז"ה זיין די חשובע מרת רייזמאן תחי', און מרת רעכניצער תחי' וואס וועלן פון דעם קומענדיגן זמן אנהייב חודש אלול הבעל"ט אנהייבן צו לערנען מיט די חשוב'ע מיידלעך.
דער ראש ישיבה שליט"א האט אראפ געשטעלט די תקנות פון די מוסד, די סטאנדטארט פון צניעות וואס ווערט פארלאנגט פון יעדע תלמידה. אלע עלטערן האבן עס אנגענומען מיט א שטארקע ערנסטקייט, וואס וועט ערמעגליכן אז די לערערינס זאלן זיך קענען אפגעבן אויפצובויען די קינדער, זיי געבן גוטע ווערטער זיי זאלן קענען שטייגן, און זיי זאלן נישט דארפן זיין פארנומען מיט די קליידער פון די קינדער.
די סטעף פון בני ברק זענען אריבער קיין ירושלים וואו עס גייט שוין אן א מיידל שולע היכל הקודש, און זיך אומגעקוקט, און געשמועסט מיט די איינגעשטעלטע צו באקומען פון זיי דעם פראקטישן צוגאנג וואס דער ראש ישיבה שליט"א וויל אז די שולע זאל אהערשטלן.
אנשי שלומינו זענען זייער פרייליך, און זענען מתפלל אז די נייע שולע זאל מצליח זיין, און מען זאל זען אידיש נחת פון די טייערע קינדערלעך.

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **הערשל זאבעל** הי"ו מאנסי

צום געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

## תשעה באב

פילע שיעורים אויף תשעה באב; מגילת איכה און ספר ירמיה פארגעלערנט; נוצט אויס דעם תשעה באב ריכטיג; בויעט צוריק אויף דעם בית המקדש

קול ברסלב

**212-444-9191**

1, 1, 9, 9

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >